# טאראקאטאמי וועגווייזער (12 יאר און יונגער)

דאס זענען צילן פאר אייער ערהוילונג. אייער ערפארונג וועט מעגליך נישט זיין פונקטליך אזוי. אייער דאקטער אדער נורס וועט אייך זאגן וואס צו ערווארטן. ליינט דעם ביכל *אייער טאראקאטאמי פאר פידיעטריק פאציענטן* פאר נאך אינפארמאציע.

| | דעם טאג פון די אפעראציע | 1 טאג נאך די אפעראציע |
|---|---|---|
| וואס זאל איך טון? | • זיצט אויף אייער בענקל פאר 30 מינוט אדער לענגער.<br>• טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן בשעת איר זענט אין בעט. צום ביישפיל, פוצט אייער ציין אדער וואשט אפ אייער פנים אין בעט.<br>• נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך. | • גייט ארויס פון בעט פון 1 פאר 3 מאל היינט. בלייבט אינדרויסן פון בעט פאר 1 שעה אדער מער יעדעס מאל.<br>• שפאצירט היינט ארום אינדרויסן פון אייער צימער 3 מאל אדער מער.<br>• טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן זיצענדיג אויף די עק פון אייער בעט.<br>• זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.<br>• נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך. |
| וואספארא פראצעדורן וועל איך האבן? | • איר וועט האבן א טשעסט עקס-רעי אין אייער צימער. | • אייער יורינערי קאטעטער קען ווערן ארויסגענומען. |
| וואספארא מעדיצינען וועל איך נעמען? | איר וועט באקומען:<br>• מעדיצין קעגן שמערצן דורך אייער עפידורעל PCA, פעריפערל נערוו קאטעטער, אדער PCA IV.<br>• נאך מעדיצין קעגן שמערצן, אזוויי אסעטאמינאופען (Tylenol®), אויב איר ברויכט עס.<br>• מעדיצין צוריקצוהאלטן אייער בויך פון ווערן אומבאקוועם. | איר וועט באקומען:<br>• מעדיצין קעגן שמערצן דורך אייער עפידורעל PCA, פעריפערל נערוו קאטעטער, אדער PCA IV.<br>• נאך מעדיצין קעגן שמערצן, אזוויי אסעטאמינאופען (Tylenol®), אויב איר ברויכט עס.<br>• מעדיצין צוריקצוהאלטן אייער בויך פון ווערן אומבאקוועם, אויב איר ברויכט עס.<br>• מעדיצין אייך צו העלפן ארויסגיין אין ביה"כ. |
| וואס וועל איך טון *כדי* מיינע לונגען זאלן ווערן שטערקער? | • יעדן טאג, וועט איר האבן טשעסט פיזישע טעראפי יעדע 4 שעה.<br>• איר וועט האבן פיזישע טעראפי און אקיופעישאנעל טעראפי. א פיזישע טעראפיסט אדער אקיופעישאנעל טעראפיסט וועט אייך באזוכן נאך אייער אפעראציע. זיי וועלן רעדן מיט אייך איבער ווי אפט איר וועט האבן פיזישע אדער אקיופעישאנעל טעראפי. | |

אייער דאקטער און נורסע וועלן באטראכטן אייער טשעסט רערל יעדן טאג. זיי וועלן עס ארויסנעמען ווען דער מאס פליסיגקייט וואס קומט ארויס פון דעם איז גענוג ווייניג. דאס קען געשען באלד נאך אייער אפעראציע, אדער קען עס זיין אפאר טעג דערנאך.

איר וועט אנהייבן באקומען א אנדערע סארט מעדיצין קעגן שמערצן וואס מען שלינגט אראפ (מעדיצין קעגן שמערצן דורכן מויל) נאכדעם וואס אייער טשעסט רערל ווערט ארויסגענומען. אויב איר האט אן עפידורעל אדער פעריפערל נערוו קאטעטער פאר אייער מעדיצין קעגן שמערצן, וועט אייער דאקטער עס ארויסנעמען באלד נאכדעם וואס מען נעמט ארויס אייער טשעסט רערל.

| | 2 טעג נאך אייער אפעראציע | 3 טעג נאך אייער אפעראציע |
|---|---|---|
| וואס זאל איך טון? | • זייט אינדרויסן פון בעט פאר האלב פון די צייט וואס איר זענט וואך.<br>• שפאצירט 1 פולע רונדע ארום דעם נורסינג יוניט. טוט דאס 3 אדער מער מאל היינט.<br>• טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן שטייענדיג ביי די קראן.<br>• זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.<br>• נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך. | • זייט אינדרויסן פון בעט פאר רוב פון די צייט וואס איר זענט וואך.<br>• שפאצירט 2 ביז 3 פולע רונדעס ארום דעם נורסינג יוניט. טוט דאס 3 אדער מער מאל היינט.<br>• טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן שטייענדיג ביי די קראן.<br>• זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.<br>• טוישט זיך צו נייע קליידער. בעט הילף אויב איר דארפט.<br>• נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך. |
| וואספארא פראצעדורן וועל איך האבן? | • אויב איר האט נאך אלץ א יורינערי קאטעטער, וועט מען עס ארויסנעמען. | |
| וואספארא מעדיצינען וועל איך נעמען? | איר וועט באקומען:<br>• מעדיצין קעגן שמערצן.<br>• נאך מעדיצין קעגן שמערצן (אזוויי (Tylenol), אויב איר ברויכט עס.<br>• מעדיצין אייך צו העלפן ארויסגיין אין ביה"כ. | איר וועט באקומען:<br>• מעדיצין קעגן שמערצן.<br>• נאך מעדיצין קעגן שמערצן (אזוויי (Tylenol), אויב איר ברויכט עס.<br>• מעדיצין אייך צו העלפן ארויסגיין אין ביה"כ. |
| וואס וועל איך טון כדי מייגע לונגען זאלן ווערן שטערקער? | • יעדן טאג, וועט איר האבן טשעסט פיזישע טעראפי יעדע 4 שעה.<br>• איר וועט האבן פיזישע טעראפי און אקיופעישאנעל טעראפי. א פיזישע טעראפיסט אדער אקיופעישאנעל טעראפיסט וועט אייך באזוכן נאך אייער אפעראציע. זיי וועלן רעדן מיט אייך איבער ווי אפט איר וועט האבן פיזישע אדער אקיופעישאנעל טעראפי. | |

באמערקונגען

| | 4 טעג נאך אייער אפעראציע | 5 טעג נאך אייער אפעראציע |
|---|---|---|
| וואס זאל איך טון? | • זייט אינדרויסן פון בעט כמעט די גאנצע צייט וואס איר זענט וואך.<br>• שפאצירט 10 אדער מער פולע רונדעס ארום דעם נורסינג יוניט היינט.<br>• טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן שטייענדיג ביים קראן.<br>• זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.<br>• טוישט זיך צו נייע קליידער אליינס.<br>• נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך. | • זייט אינדרויסן פון בעט כמעט די גאנצע צייט וואס איר זענט וואך.<br>• שפאצירט 10 אדער מער פולע רונדעס ארום דעם נורסינג יוניט היינט.<br>• טוט אייער זעלבסט-קעיר אקטיוויטעטן שטייענדיג ביים קראן.<br>• זיצט אויף אייער בענקל ווען איר עסט.<br>• טוישט זיך צו נייע קליידער אליינס.<br>• נוצט אייער אינסענטיוו ספייראמעטער, פינוויל, אדער בלאזט בלעזלען 10 מאל אדער מער יעדע שעה וואס איר זענט וואך. |
| וואספארא פראצעדורן וועל איך האבן? | | |
| וואספארא מעדיצין קעגן שמערצן וועל איך נעמען? | איר וועט באקומען:<br>• מעדיצין קעגן שמערצן, אויב איר דארפט עס. | איר וועט באקומען:<br>• מעדיצין קעגן שמערצן, אויב איר דארפט עס. |
| וואס וועל איך טון כדי מיינע לונגען זאלן ווערן שטערקער? | • יעדן טאג, וועט איר האבן טשעסט פיזישע טעראפי יעדע 4 שעה.<br>• איר וועט האבן פיזישע טעראפי און אקיופעישאנעל טעראפי. א פיזישע טעראפיסט אדער אקיופעישאנעל טעראפיסט וועט אייך באזוכן נאך אייער אפעראציע. זיי וועלן רעדן מיט אייך איבער ווי אפט איר וועט האבן פיזישע אדער אקיופעישאנעל טעראפי. | |

באמערקונגען

©2018 Memorial Sloan Kettering Cancer Center
1275 York Avenue, New York, New York 10065
A-063-2